ב"ה

# מאמר ד"ה באתי לגני תשמ"ג

## ~ הנחה מילולית ~

* בסוף הקונטרס באו כל התורות של רבותינו נשיאנו שהוזכרו בהמאמר *

ימי ההכנה ליו"ד שבט, תשפ"ג

ב"ה

בשבח והודי' להשי"ת, בקשר עם שלשים ימי ההכנה ליו"ד שבט תשפ"ג הבעל"ט, הנני מו"ל תמליל מסרט ההקלטה - מאמר הרבי ד"ה באתי לגני, שנאמר בשנת תשמ"ג, שהוא ביאור – בפעם הב' - על פרק י"ג שבהמשך באתי לגני של כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ זצוקלל"ה נבג"מ זי"ע.

הוצאה זו היא לתועלת הלומדים, שנפשם חפצה להתעמק בלשון הרב ממש, ולא להסתמך רק על הנחות הבלתי מוגהות. כמובן, שהוצאה זו היא על אחריותי לבד, ואם שגיתי הה"י.

בשולי הגליון בהערות, באו הלשונות, שנראה אינם מהמשך ורצף הענין (וזה, וכן חילוק הפרקים, הוא לפי שיקול דעתי לבד), כי גם בהם ימצא הלומד דיוק וחפץ רב, כידוע ומפורסם, בפרט אחרי העיון במקורות.

בנספח, לתועלת הלומדים, באו קטעי מאמרי רבותינו נשיאנו, לפי הסדר שנזכרו בהמאמר (בחלוקת קטעים הארוכים, ותוספת סימני פיסוק).

ויה"ר שנוכל להתעמק בהמאמר ולהבינו כראוי, והמעשה הוא העיקר, ועי"ז נזכה לתורה חדשה מהרבי בקרוב ממש.

מ.מ.ב.

עשרה בטבת, תשפ"ג

# מאמר ד"ה באתי לגני, יו"ד שבט תשמ"ג

הנחה בלתי מוגה - ועל אחריות המו"ל לבד

**אורך המאמר: 30 דקות לערך**

**0:00**

**באתי** לגני אחותי כלה - וואס דאס איז דאך דער מאמר, וואס דער בעל ההילולא האט ארויסגעגעבן ללמדו ביו"ד בעשירי בשבט, און אזוי איז דאך אויך דערנאך געווארן "מנהג ישראל תורה הוא", ללמדו בכל עשירי בשבט בכל שנה ושנה – און ער ברענגט אראפ דער מאמר המדרש און פירוש המדרש[1] "באתי לגני - לגנוני", וואס דאס איז עיקר שכינה, איז בתחתונים היתה, אז דאס גייט אויפ'ן עוה"ז התחתון הגשמי, וואס דארט איז געווען דער עיקר שכינה בשעת הבריאה.

און דערנאך איז געווען, ע"י הענין הידוע, ע"י אדם הראשון, אט דעמאלט נסתלק געווארן די שכינה מהארץ לרקיע הראשון, און אזוי איז אויך דורך די[2] ששה ענינים לאחרי זה, ביז וואנעט, אז די שכינה עלתה למעלה, ביז צו רקיע השביעי.

און דערנאך זיינען געקומען צדיקי עולם, אנהויבענדיג מיט "אחד הי' אברהם", וואס הוריד השכינה מרקיע הז' לשישי, און דערנאך ביז ס'איז געקומען דור אחר דור, וצדיק אחר צדיק, ביז צו משה רבינו, וואס ער איז געווען השביעי, וכל השביעין חביבין, און ער האט מוריד געווען די שכינה מרקיע הא' לארץ.

וואס דאס איז אויך דעמאלט ווערט "אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין", און ווי ער איז[3] מפרש בארוכה אין דעם מאמר, אז דער "עיקרא דשכינתא" וואס ער איז בכולהו עלמין בשוה, וואס דאס באווייזט דאך אויף א דרגא נעלית אין אלקות, סוכ"ע, ווערט אין דערויף "אסתלק", וואס דא איז דער טייטש "אסתלק" א ענין פון "ישכנו לעד עליה", מען איז דאס משכין למטה, אבער מצד דערויף וואס דאס איז סוכ"ע, שטייט עס אין אן אופן וואס ווערט אנגערופן "הסתלקות", ווארום דאס איז אין אן אופן של מקיף, אבער אזא מין מקיף, וואס ער פועל'ט אויך בכל הענינים.

וואס דאס איז אויך די עבודתם ותפקידם פון "עמך כולם צדיקים", אז עס זאל זיין דער ישכנו לעד עליה, זיי זאלן משכין זיין, און מאכן א דירה לו יתברך, "עליה" בתחתונים אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה הימנו.

וואס דערפאר איז אויך געפינט מען דאך פון די ציוויים פון משה רבינו אין א ענין עיקרי, וואס ער האט דאך מוריד געווען די שכינה, כאמור, ביז לארץ, אז מען האט דורך אים אנגעזאגט, און ער האט זיך אפגעגעבן, מיט "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אז עס זאל זיין דער "ושכנתי בתוכם" טאקע בתוך כל אחד ואחד מישראל.

דאס איז אבער געווען אין אן אופן און דורך דערויף, וואס מען האט געמאכט פון ענינים גשמיים פון עוה"ז התחתון - די אלע דרייצן און פופצן זאכן וואס מען רעכנט אויס - האט משה אנגעזאגט, און דערנאך געזען, און האט זיך משתתף געווען, ביז וואנעט, אז ער האט מקים געווען די משכן - דוקא משה רבינו אליין, זאל זיין דער מקדש ושכנתי בתוכם, וואס דורך דערויף, ווערט דער עיקר שכינה בתחתונים, אויך אין זמן משה, און דערנאך לאחריו.

און דערפאר איז אויך וואס מען זאגט, אז "ועשית קרשים למשכן עצי שיטים עומדים", אז מען נעמט – ווי ער איז מבאר אין דער מאמר – אז פון שטות פון עוה"ז, וואס נעמט זיך דערפון וואס עס איז דא "שיטה", פון לשון וואס ער איז מטה מדרך הישר, וואס דאס איז "דרך הוי' לעשות צדקה ומשפט", נויגט ער דערפון אפ, און דאס ווערט דערפון שטות פון עוה"ז, מאכט ער דערפון עצי שיטים, וואס פון זיי ווערט געמאכט קרשים, אז פון שקר פון וועלט, איז ער מהפך, און עס ווערט אויך נתהפך די צירופים, און עס ווערט פון שקר, ווערט דער צירוף קרש-קרשים, וואס זיי ווערן די עצי שיטים עומדים, וואס דאס ווערט דער משכן, אין וועלכער דער אויבערשטער איז שוכן.

און דערנאך איז אויך דארף מען דורכפירן די שליחות, אז עס זאל אויך זיין בתכלית השלימות, וואס אויף דערויף ברענגט ער אויך דער דוגמא, אז מצד דערויף וואס עס איז דא דער שקר

---

1) אז בגני.
2) שבעה.
3) מפאר.

פון וועלט, דער "שיטים" כפשוטה, קאן אין דערויף ווערן דערפון, א מנגד ח"ו צו דעם אויבערשטן.

און דעמאלט ווערט נתעורר דער "נצח ישראל לא ישקר", דער ענין פון מדת הנצחון, ווי מען זעט דאס בפשטות אין א מלך בו"ד, וואס פארוואס איז דאס אזוי ביי א מלך בו"ד, דערפאר וואס "מלכותא דארעא" האט דער אויבערשטער געוואלט אז זי זאל זיין כעין "מלכותא דרקיע", אז וויבאלד אז למעלה, איז א דבר המנגד כביכול רופט ארויס דער מדת הנצחון, ווערט אזוי אויך אט דא למטה ביי א מלך, אז ווען ווערט ביי עם ארויסגערופן דער מדת הנצחון, דוקא ווען עס איז דא א לוחם כנגדו א מנגד כנגדו. און דער מדת הנצחון איז אים אינגאנצן משנה און מגלה די כוחות הכי נעלמים אין דעם מלך.

ביז וואנעט – ווי ער איז מבאר בארוכה אין דעם משל – אז עס איז דא די אוצרות המלך, וואס "צבר" וואס ער[4] אליין האט צוזאמענגעקליבן, און מען האט צוזאמענגעקליבן פאר אים, און זיי זיינען אויף אזוי פיל טייער, אז ניט נאר[5] ער איז דאס ניט מבזבז, ניט נאר ער נוצט דאס בכלל ניט, ביז אפילו אז לא שזפתו עין רואה, מען באווייזט דאס גארניט, דאס איז דאך סתימא דכל סתימין, איז בשעת עס ווערט נתעורר מדת הנצחון מצד א ענין המנגד, אט דעמאלט, איז ניט נאר ער איז מגלה די אוצרות, ניט נאר ער נעמט ארויס די אוצרות, נאר ער איז מבזבז די אוצרות צו די אנשי חיל און די מפקדים שלהם, כדי זיי זאלן גיין במלחמה, און זיי זאלן דורכפירן די מלחמה, ביז דעם נצחון וואס דאס ווערט נצחון המלך.

אט אזוי איז אויך דא די אוצרות פון א"ס ב"ה - ווי ער ברענגט אראפ אין דער מאמר, די ענינים וואו עס ווערט גערעדט אין דערויף דער ביאור הענין - וואס כללות איז דאס דער ענין פון יראת שמים[6] ווי דאס ווערט דערנאך איבער געטייטשט און אראפגעבראכט בכל הענינים, אנהויבענדיג ווי יראה ספירת המלכות למעלה און נאך העכער, אט דאס איז דער אוצר האמיתי –

ברענגט ער אויף דערויף אראפ, וואס ער זאגט אין תיקוני זוהר, אז אוא"ס איז "למעלה מעלה עד אין קץ, ולמטה מטה עד אין תכלית", וואס דאס איז דער אוצר האמיתי, און דאס ווערט דערנאך געגעבן – ווי ער איז דערנאך מבאר אין דעם המשך הסעיפים – ווערט דאס דערנאך געגעבן לכל אנשי המלחמה, צו צבאות השם - וואס דאס איז יעדער איד און אלע אידן, וואס זיי ווערן דאך אנגערופן בשם צבאות השם, ווי[7] מען דערמאנט אין די פרשיות שלפני זה, און דערנאך אויך אין פרשה פון שבוע זה, אז בנ"י יוצאים ביד רמה, ובנ"י על צבאותם, על צבאות השם, דאן גייען זיי ארויס[8] בגאולה פון דעם חושך הגלות, און עס ווערט דער נצחון פון אוא"ס ביז למטה מטה עד אין תכלית.

**9:03**

ב) און דאס איז ער מבאר אין פרק י"ג - וואס דאך איז דאך מתאים לשנה זו אין דעם צווייטן מאל י"ג - דער ענין וויאזוי דאס איז למטה מטה עד אין תכלית, אז אין למטה מטה איז אויך דא אין תכלית, פונקט אזוי ווי למעלה מעלה עד אין קץ. וואס דאס איז דער ריבוי ההשתלשלות והדרגות, ווי עס איז דא אין דער מטה מטה.

אנהויבענדיג – ווי דערמאנט פריער – א ענין פון "שיטה", עס איז מער ניט ווי אפגעקערט כחוט השערה, ביז וואנעט עס ווערט דערנאך א ענין וואס מען ווערט נשקע[9] אין עניני תאוות היתר, און דערנאך ביז עס קומט אראפ למטה מטה, אין תאוות וואס זיי זיינען היפך ההיתר, און אין דערויף גופא אויך כמה וכמה דרגות פון לתיאבון, ביז רח"ל אז דאס ווערט א ענין פון וואס ער איז מורד, רח"ל א ענין פון להכעיס.

וואס אזוי איז אויך, וויבאלד אז דאס איז דא אין עבודת ה' ביי א איד'ן, וואס ער איז דאך כולל את העולם, את העולם נתן בלבם, איז דאס אזוי אויך דא אין סדר השתלשלות, וואס עס הויבט זיך אן פריער די עולמות הקדושה, און דערנאך איז דא די עולמות פון לעו"ז, און אין דערויף גופא כמה וכמה דרגות, קליפת נוגה און דערנאך די ג' קליפות שלמטה מזה, און אין דערויף גופא אויך כמה דרגות, ביז די דרגא וועלכע מען לערנט אין די פרשה זו ולפני זה, פון לי יאורי ואני עשיתיני, וואס דאס איז דאך דער היפך און דער מרידה אין דער ממ"ה הקב"ה.

**11:02**

ג) וואס אין דערויף דארף מען האבן א ביאור, פארוואס מען געפינט אין דער ביאור פון מטה מטה עד אין תכלית, אריכות הביאור און פרטי פרטים, ביז מען געפינט דאס אין עץ חיים קרוב לסיומו ובסיומו, א גאנצער שער וואס עס רעדט זיך וועגן פרטים אין דעם למטה מטה, און אין דער דרגא התחתונה בזה, וויאזוי דאס איז וואס עס ווערט אנגערופן בשם קליפות, און אין דערויף גופא קליפה הכי תחתונה.

4) האט.
5) ער נוצט.
6) דערנאך.

7) מען זאגט דאס אין.
8) במלחמה.
9) אין דברי.

און נאך פאר דעם אין דערויף אין זהר, ובפרט אין פרשה פקודי, און אויך בכמה מקומות, וואו עס רעדט זיך מיט אן אריכות גדולה וכמה פרטים ופרטי פרטים, וועגן דעם אין תכלית אין דעם למטה מטה, אין די ענינים און די עולמות וואס זיי זיינען היפך פון עולמות הקדושה בתכלית, ביז ווי דער דוגמא פון לי יאורי ואני עשיתיני.

וואס אע"פ וואס לכאורה האט מען דאך דאס געקאנט מבאר זיין, אז וויבאלד אז אסתכל באורייתא וברא עלמא - כדי עס זאל זיין דער מציאות אין וועלט, וואס דארטן דארף מען דאך האבן די ענינים בפרטים מצד טעם הכמוס פאר דעם אויבערשטן, דארף אויך זיין באורייתא, אויך אין אן אופן אז עס זאל זיין אסתכל באורייתא, אויך אין די פרטים ופרטי פרטים.

און דארטן גופא, דארף מען דאס האבן אין אן אופן, און צוליב ממלא זיין דעם תכלית, וואס כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראה אלא לכבודו.

און ווי תורת הבעש"ט, וואס טייטש דאך אפ אויף סור מרע ועשה טוב, אז עס זאל זיין דער ענין פון סור מרע, דאס איז אבער די התחלה, דערנאך דארף זיין די שלימות העבודה ועשה, מען זאל מאכן פון דעם רע זאל מען מאכן טוב.

**13:09**

ד) וואס אזוי איז דאך אויך לויט דעם ביאור פון דעם מגיד, אין די התחלה פון פרשה בא - וואס ער זאגט דארטן למען שתי אותותי אלה בקרבו - איז ער מבאר, אז די אותיות וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די פרשיות הבא לאחרי זה, וואס דארטן ווערט דערציילט וועגן די ג' מכות, איז ער מבאר אין פסוק, אז פארוואס דארף מען נאך האבן אט די ג' ענינים הנוספים, און דער ביאור בזה, כדי עס זאל זיין שתי אותותי אלה בקרבו, אזוי ווי עס איז דא די אותיות שנפלו בשבירה, ביז די אותיות וואס נפלו אין פרעה מלך מצרים, און אין מצרים ערות הארץ, וואס וועגן דערויף רעדט זיך דאך אין אט די ג' ענינים נוספים, און דאס איז דאך געמאכט געווארן די כוונה, אז די שתי אותותי אלה בקרבו ע"י השבירה, זיינען זיי דארט אריינגעפאלן, דאס איז דאך אבער אותותי, דאס איז באמת פאלן זיי אראפ הגבוה גבוה יותר, נופל למטה מטה ביותר, דארף ווערן צוריק די אותותי, אז דאס זאל ווערן אותיות דקדושה.

וואס דערפאר האט מען אויך דאס פריער געזאגט בתורה, ווערט דאס אותיות אין תורה, וואס זיי[10] דערנאך גיבן כח אויף מברר זיין, דורך דערויף וואס אין מקרא יוצא מידי פשוטו, עס איז געווארן דערנאך די ג' מכות הנוספות, איז געווארן דערנאך ויהי בשלח פרעה את העם, אז אויך פרעה האט אויך מיטגעהאלפן און מיטגעשיקט, בשלח פֵּארות, ווי תורה פון דעם מהר"ש - כמבואר בכמה מקומות, און בפרט אין די דרושים אויף ויהי בשלח פרעה, וואס השנה היא שנת מאה שנים להסתלקות שלו, לכתחילה אריבער[11] - וואס ער ברענגט אראפ פון מדרש, כלום אדם זורע כור, אלא כדי עס זאל אויסוואקסן כמה כורים, אזוי איז אויך געווען בשלח פרעה, אז גם אתה תתן בידינו, אז אויך די אותיות פון פרעה, האט מען אויך ארויסגענומען פון דארטן, און עס איז געווארן אותותי.

וואס אע"פ וואס דער לשון אין אוה"ת אין מגיד, איז דאך "דברים בטלים"[12], ניט דברים לכאורה למטה מזה, וויבאלד אבער עס איז דאך אין מקרא יוצא מידי פשוטו, איז דאך דאס די ענינים וועגן וועלכע עס רעדט זיך, וואס דא רעדט זיך וועגן מצרים, ערות הארץ און פרעה מלך מצרים, וואס ער איז דאך דער התנים הגדול הרובץ בתוך יאוריו.

**16:16**

ה) וואס כאן המקום אויך לכאורה אויף מבאר זיין, וויאזוי קאן מען פארלאנגען פון יעדער אידן, אז ער זאל זיך דערמיט מתעסק זיין -

בשעת מען זאגט אויף משה רבינו – ווי ער זאגט אין זהר – אז עס איז געווען דער בא אל פרעה, לך מיבעי לי', זאגט ר' שמעון בן יוחאי, אז דאס איז געווען אידרין בתר אידרין, פנים לפנים מפנים, אין חיצוניות אין דער מטה מטה, ביז וואנעט אז משה רבינו האט מורא געהאט "דחיל", אויף פארנעמען זיך מיט זייער בירור, און דער אויבערשטער האט דערצו מסכים געווען[13], אז אנכי פארנעמט זיך מיט דעם תנים הגדול הרובץ בתוך יאוריו –

און דא זאגט מען, אז דאס ווערט א ענין של בירור, געגעבן געווארן צו די אנשי חיל, אז זיי זאלן מברר זיין, אויך ביז אין מטה מטה.

ויש לומר בזה דער ביאור, אז בדוגמא ווי מען געפינט, אז עס איז דאך דער איסור אל תפנו אל האלילים, ווי דער רמב"ם

10) זיינען.
11) אז כלום אדם.
12) עס איז דאך אבער אין.
13) אז הנה.

פסקנ'ט אפ, אפילו[14] לייענען אין ספרי ע"ז, איז דאס א איסור מה"ת לא תפנו אל האלילים, עאכו"כ לדבר בהם.

ביחד עם זה, איז דאך אויך דא דער ציווי לימוד כל התורה כולה, כולל אויך די הלכות פון ע"ז, וואס דארטן רעדט זיך דאך אויך[15] די פרטי ע"ז ווי זיי שטייען אין הלכות ע"ז.

נאר דאס איז דער ענין ווי דאס שטייט אין תורה, ווערט דאס - ווי גערעדט אמאל בארוכה - יעקב ועשו הכתובים בפרשה, ווי די ענינים שטייען אין תורה, ווערט דאס א ענין אין תורה, ווי תורה הבעש"ט ווי דערמאנט פריער, אז מען מאכט פון דעם רע טוב. און ווי ער זאגט ועשה טוב, אז מען מאכט דאס, פון דעם רע מאכט מען טוב, אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקא, ובלשון ההלכה, אז זדונות נעשו לו כזכיות.

ביז וואנעט, ווי די גמרא דערציילט א מעשה רב, אז מצעות שהציעה לו אין אן אופן אסור, איז דערנאך הציעה לו אין אן אופן של מותר, און נאכמערער[16], אין אן אופן של קדושה. וואס דאס ווערט דאך א מעשה רב און א הוראה נצחית, אז יעדער איד האט בכח, אע"פ וואס מען זאגט דעם אל תבואנו לידי נסיון, בשעת אבער ער לערנט די ענינים אין תורה, איז לערנענדיג אין תורה הלכות ע"ז, דורך דערויף גופא איז ער מבטל די ע"ז, בפרט נאך ווי ער לערנט און קומט דאך דערנאך לידי הלכה ומעשה בפועל, אז עס דארף זיין אבד תאבדנו ושקץ תשקצנו, ווערט דאך דערנאך דער איבוד ע"ז עד לתכליתו, ביז די ע"ז פון לי יאורי ואני עשיתיני, אין דער ירידה למטה מטה.

19:48

ו) אט דאס איז דאך אויך - ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין ספר תניא קדישא - אז עס דארף זיין א דירה לו ית' בתחתונים, שאין תחתון למטה הימנו, וואס דערפון איז דאך אויך פארשטאנדיג, אז אין דעם מטה מטה דארף מען אויך אויפטאן דער ענין הדירה, אין אין תחתון למטה הימנו, ביז אין דער מטה מטה עד אין תכלית, איז אט דארטן איז ער מהפך און מאכט דערפון טוב, אע"פ וואס ער איז מתפלל אל תבואנו לידי נסיון, איז דאך אבער דער וועג אין דערויף – ווי דער אלטער רבי איז מבאר – אז תמורת זה ווי עס איז געווען ביי גלות הראשון פון גלות מצרים, איז געווען דער בחומר ובלבנים ובכל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך, איז דאס געווען כפשוטו, איז לאחרי זה אין די גלויות שלאח"ז, איז דאס – ווי ער איז מבאר אין זהר – אז בחומר דא ק"ו ובלבנים דא ליבון הלכתא, אז דורך דערויף וואס ער איז זיך מתייגע ביז אין אן אופן פון בפרך, אין אן אופן פון יגיעה אמיתית ע"פ תורת אמת[17], ענינים פארבונדן פון ק"ו, איז דאס פארבייט און טוט נאך אויף מערער, ווי די עבודה ווי עס איז דעמאלט געווען בחומר. עד"ז אין ליבון הלכתא, דאס וואס עס איז געווען דעמאלט די עבודה בלבנים.

21:25

ז) וואס כדי אט די אלע ענינים אויפטאן, איז דאך ניט מספיק אז עס זאל זיין דער עבודה אין אן אופן כללי, נאר ער דארף זיך[18] אריינלייגן זיך אויך אין פרטים, ווי דערמאנט פריער בליבון הלכתא, אז ער איז מלבן די הלכה מיט אלע פרטים ופרטי פרטים, ביז עס ווערט לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא.

ביז ווי דאס איז אין עבודת האדם בכללות, ווי ער איז מבאר אין שער היחוד פון דעם מיטעלן רבי'ן, אז כדי עס זאל זיין די עבודה ווי עס דארף צו זיין, איז ניט מספיק א התבוננות אין אן אופן כללי, און עבודה אין אן אופן כללי, נאר עס דארף זיין וויסן דער דע את אלקי אביך די ענינים פון די ספירות, און אלע פרטי פרטים אין דעם גאנצער סדר השתלשלות שנשתלשלו מהן, דוקא אין אן אופן פרטי.

עד"ז אויך אין עבודת האדם, ווי ער איז מבאר אין קונטרס העבודה, דארף זיין די עבודה, נוסף וואס דאס איז אין אן אופן כללי, דער ענין פון ראשית העבודה, איז דער ענין פון קבל"ע וואס דאס איז דער עיקר ושורש, דארף דאס דערנאך אראפקומען אין פרטים ופרטי פרטים.

וואס דאס איז אויך דער ביאור, וואס מען לערנט אין חכמת הקבלה אין חכמת האמת די פרטי פרטים אין דעם לעו"ז, וואס דורך דער לימוד בתורה, איז מען זיי מברר, ביז אין אן אופן, אז לאחרי אז שבירתם זוהי תקנתם, ווערט דורך דער לימוד אין זהר פרשה פקודי, און אין ע"ח אין די שערים, וכיו"ב אין שאר המקומות, דער ליבון הלכתא, אין פרטים ופרטי פרטים, ווערט דאס דער ענין פון ועשה טוב אין עבודת האדם.

23:24

ח) אט דאס איז אויך ווי ער איז מבאר, ביז אין א סיפור אין נגלה דתורה אין תענית, ביודעיי ומכירי קאמינא, ווי ער איז מבאר אין לקוטי לוי יצחק אין תענית אויף דעם ענין, אז עס איז דא

14) קו(רא) לערנען.
15) די פרטים פון די הלכות.
16) אין אן ענין.
17) אין די?
18) אריינטראגן אין.

דער ענין, וואס דאס איז דא א דבר אסור, האומר רחב רחב איז אט דעמאלט פאלט ער גלייך דורך רח״ל אין א ענין וואס דאס איז פארבונדן מיט׳ן אריכות הגלות, כמבואר בכ״מ, אמר ר׳ נחמן, אז ער האט געזאגט כמה פעמים[19], קא אמינא, און עס האט אים ניט געשאט, אדרבה, ער האט עס ווייטער אויך געזאגט.

און מען ענטפערט אויף דערויף ביודעה ומכירה קא אמינא. בשעת עס רעדט זיך ביודעה, בשעת עס רעדט זיך דארטן אין קשיא, ומכירה דאס ווערט ביי אים אין אן אופן פון הכרה, אז ער טוט אין די ענינים ווי זיי געפינען זיך אין דער מטה מטה, ווי זיי זיינען מטה מטה, אט דעמאלט ווערט דערפון דער עון הידוע רח״ל אין דעם ענין, ועד״ז בשאר ענינים.

בשעת אבער[20] ער איז ניט יודעה ומכירה, נאר דע את אלקי אביך און דאס ברענגט ועבדהו בלבב שלם, ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין, אז דער ענין פון שלימות התורה איז בשווה, אין דעם ענין פון אנכי הוי׳ אלקיך ואחות לוטן תמנע, אע״פ וואס דאס איז אין דעם מטה מטה, ווי דאס איז אבער הכתובים בפרשה, ווערט דאס א טייל פון תורה שלימה, און דאס ווערט ביז אין אן אופן און אין א דרגא פון אנכי הוי׳ אלקיך.

25:20

ט) וואס דאס איז אויך דער ביאור, אז אע״פ וואס אל תביאני לידי נסיון[21], און מען איז דאך מתפלל און דער אויבערשטער איז מקיים דער בקשה, ביז אפילו משה רבינו האט אויך מורא געהאט אהינצו אראפקומען, וואס דארט האט ער געדארפט זיין אין אן אופן פון יודעה, ביז וואנעט אז דער אויבערשטער האט מסכים געווען – ווי ער זאגט אין זהר – און דער אויבערשטער אליין האט דאס געטאן, וואס דעם אויבערשטן הארט דאס ניט, ווי מען זאגט "מי זה בא[22] מאדום, חמוץ בגדים מבצרה", אז כל מלבושי אגאלתי, אז דאס ווערט ניכר די ענינים פון לעו״ז, ביז וואנעט אז דאס ווערט אנגערופן אגאלתי. ביי א אידן אבער, כל האומר אחטא ואשוב, איז ניט דאס איז דער סדר העבודה, ואדרבה, ער שטעלט זיך אוועק אין א מעמד ומצב פון אין מספיקין בידו.

משא״כ אז ער לערנט די ענינים אין תורה, און לערנט דאס אין אן אופן פון דע את אלקי אביך, אז ברכו בתורה תחילה, ווארום נותן התורה נותן לשון הווה, אז בשעת ער לערנט ווייסט ער אז הקב״ה קורא ושונה כנגדו, הוי׳ צלך עד יד ימינך - ווי[23] ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער האט גע׳חזר׳ט דעם בעש״ט׳ס תורה, אז דער אויבערטשער איז ווי א צל, וואס מאכט נאך דעם[24] מענטש וואס ווארפט דעם צל, בדוגמא[25] ווי דער פירוש הפשוט אין דעם מאמר חז״ל, אז הקורא ושונה איז הקב״ה קורא ושונה, און מען איז מדייק בזה, אז דאס ווערט כנגדו.

און אט דעמאלט האט מען אין דעם מטה מטה עד אין תכלית, דורך דערויף וואס ער גייט אהינצו אין דעם אופן פון לימוד התורה, און ער איז זיך מתעסק אין אן אופן פון דע את אלקי אביך, ער איז צוגעבונדן למעלה – איז ער מצליח בזה און עס ווערט מלכתחילה אריבער, און ער איז מנצח די מלחמה פאר דעם אויבערשטן, וואס דאס איז ווארום ער טוט כל עניניו כל מעשיך לשם שמים ובכל דרכיך דעהו, און עס ווערט דער נצחון גמור במדת הנצח וואס נצח ישראל לא ינחם ולא ישקר.

[מכאן ואילך בניגון של שיחה:]

און עס ווערט דעמאלט אהפוך אל כל העמים כולם שְׂכֶם אחד, לעבדו כולם שֶׁכֶם אחד, שְׁכֶם אחד, והיתה להוי׳ המלוכה, און דער המלוכה ווערט דערנאך הוי׳ הוי׳, כשם שאני נקרא כך אני נכתב, אז עס ווערט אן קיין חילוק, הוי׳ הוי׳ דלעילא, ווערט אט דא למטה, און עס שטייט אין אן אופן פון ונגלה, ביז וואנעט וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי׳ דיבר,

במהרה בימינו ממש, אז עס ווערט פארענדיגט די עבודת הבירורים, ביז עס ווערט אויך אפגעפוצט די קנעפלעך, כידוע דער פתגם פון בעל ההילולא, און מען שטעלט זיך אויס ווי צבאות הוי׳, פאר הוי׳ אלקי צבאות, וואס צו אים ווערט מען בטל, וואס דערפאר ווערט עס דאך אנגערופן בשם צבאות הוי׳, סמיכות צו שם הוי׳, און יעדער פון די אנשי צבא באקומען פון דעם אוצר הכי גדול והכי יקר, מיט די אלע פרטים ווי ער רעכנט דאס אויס, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, נאך זייענדיג אין גלות, איז ובנ״י הי׳ אור במושבותם, נאך זייענדיג אין מצרים, און דערנאך נאכדערויף ובנ״י יוצאים ביד רמה, בריש גלי, ע״י משיח צדקינו בגאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

19) ???
20) עס איז ניט.
21) און אפי׳ משה רבינו.
22) מבצרה חמוץ בגדים.
23) דער צמח (צדק).
24) איד׳ן.
25) ווי דאס טייטשט זיך.

## ~ נספח: קטעי מאמרי רבותינו נשיאנו, לפי הסדר שנזכרו בהמאמר ~

**א. תורת הבעש"ט** - כתר שם טוב (סימנים: מא, סט, פט)

**ב. תורת הה"מ** - אור תורה (ריש פרשת בא)

**ג. תורת מהר"ש** - ד"ה ויהי בשלח תרכ"ז בתחילתו

**ד. תורת אדה"ז** - תו"א שמות (מט, א ואילך)

**ה. תורת אדהאמ"צ** - שער היחוד (פ"א-ד)

**ו. תורת הררלוי"צ** - על הש"ס (ע' יא-יג. כב)

**ז. תורת הבעש"ט** – קדושת לוי בכמה מקומות

## א. תורת הבעש"ט – כתר שם טוב (סימנים: מא, סט, פט)

מא

... שמעתי ממורי פירוש סור מרע ועשה טוב, דירמיה הנביא נענש מה שהושלך לבור וכיוצא לפי שלא התפלל על ישראל כששמע הנבואה לרעה על ישראל, משא"כ ישעיה שמו מורה על ישועה וכו'. והאדם יכול להפך חלום או נבואה מרעה לטובה, כמו שרואה בחלום מת יכול להפוך לעשות תם וכו' [מצרה צהר. וז"ש סור מרע ועשה טוב. ודפח"ח].

סט

ששמעתי ממורי זלה"ה פי' הפסוק סור מרע ועשה טוב, **פירוש שיעשה מרע טוב.** ודפח"ח.

פט

... ששמעתי ממורי שאם נזדמן לאדם שראה דבר עבירה או שמע על אחד, יבחין שיש בו שמץ עבירה זו ושירגיש לתקן את עצמו. ואמר הפסוק תחבושת לזה שינצור לשונו סור מרע ועשה טוב אע"פ שהוא קשה לפרוש, וכמו שאמרו בש"ס וכולן באבק לשון הרע, מ"מ נתן הפסוק תקנה לזה שידע שהוא ניתן לו לראות כדי שיסור עצמו מרע ויתקן את עצמו שיהיה טוב, ואז גם הרשע יחזור בתשובה אחר שיכליל אותו עמו ע"י אחדות שכולם אדם א', **ואז תגרום שתהיה מכלל ועשה טוב, שתעשה את הרע טוב**, ואז תבוא למדת בקש שלום ורדפהו כו'. ודו"ק.

## ב. תורת הה"מ - אור תורה (ריש פרשת בא)

למען שתי אותותי אלה בקרבו, לפי שהקדוש ברוך הוא היה רוצה לברר כל הניצוצות ממצרים מן השבירה. ומהו ענין בירור הניצוצות, היינו כל הדברים הבטלים של פרעה ושל מצרים שהם אותיות. כי מה לי אותיות של דברים בטלים ומה לי אותיות של התורה, רק החילוק הוא שאותיות של דברים בטלים הם מהשבירה, ורצה הקדוש ברוך הוא לבררם, דהיינו בזה יהיה הבירור שהכניס הדבורים והאותיות אלו בהתורה ועשה מהם צירוף אחר של קדושה. וזהו הבירור שלהם. וזהו סוד א' מספורי התורה, לבד שארי סודות הנרמזים בספורים עד אין קץ ומספר בכל אות ואות, כי קב"ה ואורייתא וישראל חד הוא.

ונחזור לענין ראשון, שאם לא הביא על מצרים עוד אלו ג' מכות היו חסרים כמה ספורים שלא היה נכתב בתורה, ולא היו מתבררים כל הניצוצות. וזהו רמז הפסוק למען שיתי אותותי אלה, ר"ל אותיות של השבירה, וצריך אני לבררם ע"י התורה, לכן הוא מן ההכרח לשלוח עליהם עוד ג' מכות בכדי להכניסם באותיות צירופים שבתורה כנ"ל והבן.

## ג. תורת מהר"ש - ד"ה ויהי בשלח תרכ"ז בתחילתו

ויהי בשלח פרעה את העם וגו'[26], שהי' משלח פארות (כמו ותשלח פארת יחזקאל י"ז ו') וענפים ועושה פרי למעלה, את העם כי פרעה הקריב שהקריב את העם לאביהם שבשמים, ולהבין זה למה דוקא ע"י פרעה דוקא, צ"ל תחלה ענין תהו ותיקון, שבתהו הי' ריבוי האור ומיעוט הכלים ולא היו הכלים יכולים לקבל ולסבול את האור ונשתברו ונפלו בשבירה והאורות נסתלקו למעלה.

... וזהו ויהי בשלח שהוא משלח פארות כו' ופרעה הקריב לפי שע"י פרעה זכו לתשובה והמשיכו אורות דתהו שהם בלי גבול ממש.

## ד. תורת אדה"ז – תו"א שמות (מט, א ואילך)

אך כי עליה זו השנית, היא רומזת על גאולה העתידה להיות בב"א (וכן בשמות ג' פסוק י"ד אמר לו ענין הגאולה האחרונה כדפירש רש"י שם): דהנה כתיב כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, שמקיש הכתוב ענין גאולה אחרונה ליציאת מצרים. והוא, שכמו שכל עיקר תכלית המכוון בגלות מצרים והשעבוד רד"ו שנה, הי' בכדי לזכו' לקבלת התורה פנים בפנים דבר ה'. וכמ"ש וזה לך האות כו' בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה. כך כל אריכות הגלות הזה, הוא כדי לזכות לגילוי פנימית התורה שיהי' לע"ל. כי במתן תורה, הי' קבלת התורה הנגלית, אבל פנימית טעמי התורה,

---

26) "ורבינו ז"ל פי בת"א ד"ה ויהי בשלח פרעה את העם". עיי' תו"א בשלח סא, ג. אוה"ת בשלח ע' שסג.

יהי' הגלוי שלהם לע"ל. וע"ז נאמר אראנו נפלאות. וכמ"ש עין בעין יראו. וכך בענין השעבוד והגלות שנאמר בגלות מצרים וימררו את חייהם בעבדה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבדה בשדה. קאי גם על זמן האחרון, וימררו את חייהם היא התורה כי היא חיינו. בעבדה קשה דא קושיא. בחומר דא קל וחומר. ובכל עבדה בשדה דא ברייתא. ובלבנים דא לבון הלכתא. שאין בידינו הלכה ברורה ודין ברור כי כל דיני התורה במחלוק' שנויה הללו מכשירין ומטהרין והללו פוסלין ומטמאין. וא"כ כמו שע"י שעבוד מצרים בחומר ובלבנים זכו למתן תורה, כך ג"כ ע"י לבון הלכתא שבזמננו זה. יזכו לגלוי פנימי' התורה לע"ל להיות אראנו נפלאות:

## ה. תורת אדהאמ"צ – שער היחוד (פ"א-ד)

והנה מהות ההתבוננות בעצם, הוא ענין ההסתכלו' החזקה בעמקות הענין, ולעמוד עליו הרבה עד שיבין אותו על בוריו בכל חלקיו בפרטי פרטיות, והוא בחי' פנימיות בינה, הנק' בלשון הגמרא בשם עיון, כמו שאמר במס' סוכה הא למגרס והא לעיוני, פי' הגירסא הוא רק הבנת הדבר בהשקפ' ראשונה, שהולכת ונובעת במהירות בלתי עכוב והעמדה כלל.

כידוע עד"מ המביט בעינו על דבר מה, ואינו מתבונן כלל על הדבר באיכותו ומהותו בכל חלקיו הפנימי' וחיצונים, רק דרך מעביר בעלמא, שבמשך זמן ודאי ישכח עליו לגמרי, וגם לא יוכל לספר לזולתו רק כלליות ענין אותו הדבר שראה בהעברת העין, ולא בטביעת עין כלל. וכן העברת עין השכל באיזה סברא בהשקפה ראשונה, בלתי עכוב והעמדה לעיין בו היטב, ולא ידע בסברא זו לתכליתה כלל ...

... ג) ובכל זה יובן בענין ההתבוננות בהשגת האלקות, שיש ב' מדריגות בינה ותבונה, בינה היינו בחי' עצם ההשגה האלקית בכל פרט ענין שמתבונן איך הוא ומה הוא, ועומד על הדבר בעיון רב בכל פרטי חלקיו כו' ...

... ד) ומעתה יש לבאר באיכות ענין ההתבוננות, אם דרך כלל או דרך פרט דווקא

... והנה באמת לא ראי זה כו', דיש מעלה בהתבוננות דרך כלל כדי שיוכל לבא לבחי' העומק בכלל שהוא בחי' עצמות אור האלקי בבחי' הכלל בין ביחו"ע בין ביחו"ת שזהו עיקר התכלית בגלוי אלקות בנפש כו'.

ויש מעלה בהתבוננות דרך פרט דוקא מצד עוצם הקירוב גלוי אור האלקי בנפשו יותר, כי בהתבוננות דרך כלל, יוכל להטעות א"ע, עד שנדמה לו כי מאד קרוב אליו הדבר, ובאמת מרחוק מאד ה' נראה לו, בהיותו דרך כלל לבד, משא"כ ההתבוננות דרך פרט, שכל פרטי בהשגה בדבר פרטי, הרי יוקבע בנפשו בבחי' הקירוב ביותר, וממנו יבוא להשגת דבר פרטי העליון הימנו בהדרגה, עד שיבוא לכלל ההשגה בכלליות, שאז מתאמת יותר בלתי הטעות א"ע כלל ... כי אחר העיון היטב בכל הפרטים, הגם שכל פרט ופרט בפ"ע אינו ענין אלהות בכללות, ואינו רק בחי' טפל פרטי לבד, אבל כאשר יתחבר כל העיון מכל הפרטים אל הכלל, אז יוקבע יותר בנפש בחי' הכלל, כאשר בדוק ומנוסה לכל עוסק בעמקות בהתבוננות.

וגם ביחו"ע בהתבוננות דרך פרט בכל פרטי הע"ס בפרצופים דזו"נ ואו"א וא"א וע"י עד ראשית הקו בא"ק כו', דרך פרט דוקא הוא המועיל לקבוע בנפש מבחי' כללות עצמות המאציל הכוללם יחד. משא"כ ההתבוננות דרך כלל, לבד כנ"ל שמרחוק ה' נראה לו (עד שיוכל ליפול בדמיונות כוזבות כשוטים וחסרי הדעת מצד צמצום כלי מוחו רק בדבר א' והוא כללי כו'), אבל צמצום העמקת הדעת בכל פרט הוא ההיפוך מן הטעו' והריחוק, אדרב' עי"ז מתקרב הדבר יותר אצלו ...

... ה) והנה אחר שנתבאר שצריך להתבונן דרך פרט דוקא, הרי מן ההכרח לידע כל פרטי חילוקי המדריגות בכל פרטי סדרי ההשתלשלות דאבי"ע להתבונן בהם אשר אינם מובנים לכל מכללי התורות כו'.

## ו. תורת הררלוי"צ - תורת לוי יצחק על הש"ס (ע' יא-יג. כב)

אמר ר' יצחק כל האומר רחב רחב מיד נקרי א"ל רב נחמן אנא אמינא ולא איכפת לי א"ל כי קא אמינא ביודעה ומכירה ... י"ל כי הנה רחב היתה אשה זונה כמ"ש ויבאו בית אשה זונה ושמה רחב, והנה כתיב בירמי' סי' ב' ומצח אשה זונה הי' לך מאנת הכלם ... והענין הוא, כי הנה בסט' דקדושה רחב הוא בחי' בינה ... ויסוד דבינה הוא בדעת דז"א כידוע בענין אתי מפתחא דכליל שית וסתים פתחתא, א"כ יסוד דבינה הוא ג"כ במצח דז"א ... והיתה יפה מאד, הלעומת דבינה דקדושה שהיא אשה נאה כמ"ש במאו"א מע' אשה נאה נק' הבינה ע"ש. ועמדה בגיותה נ' שנה, כדאיתא בילקוט יהושע רמז ט' בת י' שנה היתה כשיצאו ישראל ממצרים חיכתה כל ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר, לסוף חמישים שנה נתגיירה ע"ש. הוא הלעומת דנ'

שערי בינה, הנקראת מ"י, אך רחב שהיתה אשה זונה הוא בחי' ומצח אשה זונה, ולכן מצחא ח"א דקדושה שבו יסוד אימא דקדושה אתעביד מצחא דאשגחותא לחייבי עלמא לאינון דלא מתכספי בעובדיהון שהם בחי' ומצח אשה זונה הי' לך מאנת הכלם ... לכן כל האומר רחב רחב מיד נקרי, שיוצא ממנו קרי ר"ל, שזהו רע ר"ל (כידוע שזרע לבטלה הוא רע ר"ל) ... והיינו ג"כ ב' הלשונות יודעה ומכירה, יודעה הוא לנגד המצח שהוא בחי' דעת, ומכירה הוא לנגד יסוד דבינה. (יוד"ע מכי"ר גי' נקר"י, ולכן ביודעה ומכירה, מיד נקר"י), וכל האומר רחב רחב, שזהו בברית הלשון שבפה, מיד נקרי בברית המעור. כי ברית המעור מכוון לנגד ברית הלשון כמ"ש בס"י. הנה אם פגם בברית הלשון, מיד נקרי בברית המעור, שנפגם ברית המעור.

אך כ"ז הוא בחי' רחב קודם שנתגיירה כשהיתה בגויותה, שאז היא בחי' ומצח אשה זונה הי' לך מאנת הכלם ... ולאחר שנתגיירה וחזרה בתשובה שעלתה לסט' דקדושה, והומתקו כל דיני' שנתעלתה מאד מאד (כי זכתה שיצאו ממנה ח' נביאים כדאיתא בפרק קמא דמגילה ובילקוט ביהושע רמז ט' ע"ש, ח' דוקא, כי בינה היא ספירה החי. דדעת ר' יהודה שם, שאף חולדה הנביאה היתה מבני בני' של רחב כדאיתא בילקוט שם. ... (וי"ל שזכתה לזה מפני שהטמינה את המרגלים כמ"ש ותצפנו, וכתיב ותטמנם בפשתי העץ כו'. לכן יצאה ממנה חולדה שחולדה הוא ג"כ מלשון הטמנה) ...

(וראה סוף הענין שם בעמוד כב)

## ז. תורת הבעש"ט – קדושת לוי בכמה מקומות

דרושים לחנוכה

... וכמו ששמעתי מהבעש"ט על פסוק ה' צלך, כמו שהבעל חי עומד אצל הצל, הנה כפי תנועותיו כן מתנועע הצל, כן כביכול ב"ה וב"ש כפי מעשים של אדם התחתון, כמו כן עשה עמו מלעילא כביכול, דהיינו אם יתנהג אדם עם חבירו במדת החסד, כן מתנהג עמו הש"י כביכול, לכן מה מאד היה ראוי להתנהג במדת החסד תמיד, כדי שימשך עליו ג"כ מדת החסד, ואז ייטיב לו.

פ' בשלח

... דהנה הבעש"ט אמר פי' הפסוק ה' צלך, שהש"י ב"ה מתנהג עם האדם ג"כ כמו הצל, מה שאדם עושה גם הצל עושה, כך הבורא ב"ה מתנהג עם האדם ג"כ כמו שהוא עושה ... כמאמר הכתוב ה' צלך, וכמו שהבאתי לעיל בשם הבעש"ט ה' צלך כמו שהצל עושה מה שהאדם עושה, כך כביכול כמו שהאדם מתנהג למטה כן מנהיגין אותו מלמעלה, לכן אם מתנהג במדת רחמים, גם מלמעלה מרחמין עליו וכו' ... וכן הוא במדרש על פסוק ה' צלך ... ולכן אשרי איש שלא ישכחך ושם בטחונו בה', כי אז ה' צלך ומכין פרנסתו, כמו שהוא בוטח בה' שהאל עושה כל צרכיו, כן האל נותן לנו כל צרכנו.

פ' פקודי

... על פי דמבאר הבעש"ט על פסוק ה' צלך, מה הצל מה שאדם עושה הצל עושה, כך כביכול מה שאדם עושה ה' עושה, ולכך צריך שיעשה חישוב דרכיו, כיון שהשם עושה מה שהוא עושה, לכך צריך לדקדק היטב לעשות כל מעשיו ודבריו כרצון השם, ולא יאמר מה מעשי ודבורי, כיון שהשם עושה מעשיו, רק צריך לעשות חישוב מעשיו ודבוריו ...

(בפ' מצורע הביאו בשם המדרש, ולכן לא הועתק כאן, אך עיי"ש)

פ' נשא

... דהנה הבעש"ט היה מוכיח תמיד את העולם בזה הפסוק ה' צלך, דהיינו כמו שהצל עושה מה שאדם עושה, כך הבורא ב"ה כביכול עושה מה שאדם עושה, ולכך צריך האדם לעשות מצות וליתן צדקה ולרחם על העניים כדי שיעשה הבורא ברוך הוא גם כן עמו טובות ...

קדושה שני'

... וכש"א בוצינא קדישא מוהר"ר ישראל בעש"ט ממעזביז וכן הוא במדרש ה' צלך מה הצל כמו שאדם עושה כך הצל עושה, כן כב"י כמו שאדם מנהיג א"ע כן כב"י מנהיג את כל העולמות, ואת האדם העושה באלו המדות, אם בחסד וברחמים ובששון ושמחה לתורה ולמצות, כן הש"י מנהיג את העולמות ואת האדם העושה ששון ושמחה וחסד ורחמים ... (עיי"ש המשך הדברים בארוכה)